# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:34
מוצאי שב"ק....................6:06

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................ישעיה ל"ד-ל"ה
בבלי.....................מועד קטן ג'
ירושלמי...............קידושין מ"ב
תוספתא...............סנהדרין א'
רמב"ם......................בכורות ז'

פרשת בשלח, שבת שירה, י"ג שבט, שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 20 (535)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וּפַרְעֹה הִקְרִיב, וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה', וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים יַם סוּף, אוּן פַּרְעֹה מִיט זַיין מִילִיטֶער הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט פוּן הוּנְטֶער זֵיי, הָאבְּן דִי אִידְן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה כ"א, ה') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב', י"ד) "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ" וְגוֹ', אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה אוֹיף דִי אִידְן בַּיים יַם סוּף אִיז גֶעוֶוען וַוייל וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי, וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דִי מִצְרִיִים מִיט צֶען שְׁוֶוערֶע מַכּוֹת, עֶר הָאט גֶע'הַרְגֶ'ט זֵייעֶרֶע בְּכוֹרִים, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, הָאבְּן זֵיי יֶעצְט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען דָאךְ שׁוֹין פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אַלֶע צָרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ אָבֶּער לִיבּ צוּ הֶערְן דָאס קוֹל פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער פַארְגֶענִיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הֶערְן וִוי אִידְן רֶעדְן אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵל צוּ אִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן אוֹיבּ זֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי אִידְן רֶעדְן נִישְׁט צוּ אִים וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זֵיי אַ פְרִישֶׁע צָרָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה נָאר ווִידֶער עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן אוּן שְׁרַייעֶן צוּ אִים.

דִי גַאנְצֶע צָרָה וָואס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר מִיט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הֶערְן דֶעם מֶענְטְשְׁ'ס קוֹל. וֶוער עֶס הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, וַוארְט נִישְׁט בִּיז סְ'קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, נָאר עֶר רֶעדְט כְּסֵדֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַאנְקְט עֶר אוּן עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים אַלֶעמָאל, אוּן מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שׁוּם צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, וָואס זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין מֶדְרָשׁ (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה, ב', ל"ה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל, צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינְצִיג טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶערְן אִיר קוֹל, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז יֶעדֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִין פֶעלְד שְׁפַּאצִירְן, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט זֵיי זָאלְן אָנְפַאלְן וִוי רוֹיבֶּער אוֹיף זַיין טָאכְטֶער, אוּן דַאן הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן "טַאטִי, טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיךְ!", הָאט דֶער קֶענִיג אִיר גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצְן שְׁפִּיל, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן צוּ מִיר".

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְקוּת פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַלֶעמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען סְ'גֵייט אוּנְז גוּט אוּן סֵיי וֶוען נִישְׁט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז שִׁיקְן נָאר גוּטֶע זַאכְן אַלֶעמָאל.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש לְפַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים ווֵייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר ווֵייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

### זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפֵּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶ'.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מט) שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, 'יֵצֶר' אִיז טַייטְשׁ מָאלְן, מֶען מָאלְט זִיךְ אוֹיס, מֶען טְרַאכְט זִיךְ אוֹיס 'הָרָע' - אִיךְ בִּין שְׁלֶעכְט. יֵצֶר טוֹב מֵיינְט, מֶען טְרַאכְט גוּט, מֶען מָאלְט זִיךְ אוֹיס גוּט, אִיךְ בִּין גוּט, יֶעדֶער אִיז גוּט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פוּן יֶעצְט הָאסְטוּ אַ נֵייעֶ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם גֵייט זַיין, פוּן הַיינְט גֵייסְטוּ טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אוֹיף מִיר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג) 'יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן מִיר הִתְפָּאֲרוּת, עֶר בַּארִימְט זִיךְ מִיט מִיר'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ"ב)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע סְפָרִים צוּ שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ סְפָרִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן פוּן צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, דָאךְ הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַ סְפֶּעצִיעֶלְן כֹּחַ; סַיי מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער סֵפֶר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר זִיךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אִים, אוּן סַיי דֶער סֵפֶר לֶעבְּט, דִי בְּרִיוְון לֶעבְּן, עֶס אִיז אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דִּבְרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה פַארְ'ן לֶעבְּן.

בִּפְרַט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין אוּנְזֶער דוֹר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹחוֹת, אַז מִיר זָאלְן דָאס פַארְשְׁטֵיין, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין דֶעם; אַזוֹי וִוי אַ מְלַמֵד נֶעמְט שְׁוֶוערֶע טִיפֶע גְמָרוֹת אוּן אִיז דָאס מַסְבִּיר מִיט גְרִינְגֶע וֶוערְטֶער אַז אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט שְׁוַואכֶע מוֹחוֹת זָאלְן הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין דֶעם, דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעטוּן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל, אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים – בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּיסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, פַארְלִיר נִישְׁט דִי אֱמוּנָה; טְרַאכְט נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט 'דֶער אִיז שׁוּלְדִיג', 'יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג'; לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, עֶר חַזְרְ'ט צוּ זִיךְ: 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן'; עֶר זִינְגְט נִגוּנֵי אֱמוּנָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִין יֶעדֶע אָרְט; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר – אַלֶעס אִיז עֶר, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער" – דָאס מַאכְט מֶען זָאל זַיין רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַי'.

### זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְּן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶּער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הַנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבָט)

<<<<<< נייעס

אנטייל נעמען אין די מצוה פון כתיבת ספר תורה. דער רבי שרייבט אין ספר המדות (ממון לו) "לכתוב ספר תורה מסוגל לפרנסה", אין די נאנטע טעג וועט געמאלדן ווערן די פרטים איבער די זכותים וואס מען קען קויפן אין די נייע ספר תורה.

**ועתה כתבו לכם את השירה הזאת!**

***

## שמחה אין ישיבה צו א פרישער חתן

די בחורים אין ישיבה פרייען זיך מיט די שמחה פון א פרישער חתן אין ישיבה. הבה"ח שמעון פארטוגאל נ"י בן מו"ה אהרן אלעזר הי"ו, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אלי' קורץ הי"ו.

דער חשובער חתן האט אויסגענוצט זיינע בחור'ישע יארן אין ישיבה על התורה ועל העבודה, אויסער זיינע פילע שיעורים כסדרן וואס ער האט אריינגעכאפט, האט ער אויך דורכגעלערנט 32 מאל ששה סדרי משנה, און איז באקאנט מיט זיינע מדות טובות און צוגעלאזנקייט צו יעדן איינעם.

ער האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים ברציפות ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש אין יבנאל, אזוי ווי מוהרא"ש האט געשריבן אין צוואה, און האט געהייסן דאס שרייבן אויף זיין מצבה, אז יעדער וואס דארף א שידוך זאל קומען צו זיין קבר און אויסזאגן גאנץ תהלים ברציפות, און ער וועט זיך משתדל זיין מיט אלע זיינע כוחות אז דער שידוך זאל אנקומען ווי שנעלער בשעה טובה ומצלחת.

אויך האט דער חתן געלערנט 40 מאל מסכת תענית צווישן חמשה עשר באב און ראש השנה, וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט פאר די בחורים אז די וואס וועלן דאס טון, וועלן טרעפן זייער שידוך בקרוב. און יעצט האט ער טאקע זוכה געווען צו טרעפן זיין באשערטע שידוך. בלייבט נאר איבער צו ווינטשן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## שבת התוועדות סיום סדר מועד, שבת ויקרא הבעל"ט

ווי געמאלדן איז דער שבת התוועדות סיום סדר מועד אפגעשטופט געווארן צו א וואך שפעטער, אויף שבת פרשת ויקרא הבעל"ט, ווען מען וועט זיך צוזאמנעמען אינאיינעם אויף גאר א געשמאקע שבת, צוגעשטעלט אויף א הערליכן און געשמאקן פארנעם, אין די פראכטפולע קראון פלאזא סטעמפארד האטעל. די עסקנים האבן געמאלדן אז עס ווארט א הערליכע שבת, מען וועט פארברענגען בשבת אחים, דאווענען אינאיינעם, עסן די סעודות שב"ק און זינגען זמירות שב"ק, הערן דרשות התחזקות, פון וואס מען וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף באקומען התחזקות און כח אנצוגיין פאר זיך און פאר די גאנצע פאמיליע פאר א לאנגע צייט.

די עסקנים האבן אפגעדינגען דעם גאנצן האטעל מיט אלע צימערן, פון וואס פילע צענדליגע זענען שוין אויסגעכאפט געווארן. די "עירלי ביורד ספעשל" פון $985 פאר א פארפאלק, ענדיגט זיך זונטאג פרשת משפטים, נאכדעם וועט די פרייז ארויפגיין צו $1085 פער קאפל. צו באשטעלן א צימער קען מען רופן 347-417-3900.

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!**

## דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קכח)

### תעט

רֶבִּי נָתָן אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף שַׁבָּת בַּיי ר' יוּדְל, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן בַּיי אִים זֶענֶען גֶעוֶוען כְּתָבִים, אָפְּגֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ פוּן אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶענוּמֶען דִי כְּתָבִים צוּ לֵיינֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעקוּקְט דֶערִינֶען דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, אוּן כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע נַאכְט. אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז יֶעצְט הָאט עֶר אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן צוּ זַיין אוֹיף צְוֵויי טֶעג מִיט אַ נַאכְט [וִוי דֶערְצֵיילְט אוֹיבְן אִין אוֹת תכ"ג], וַוייל דִי גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר מְעַיֵּן גֶעוֶוען אִין דִי כְּתָבִים, אוּן צוּמָארְגְנְס וֶועט דֶער רֶבִּי דָאךְ צוּרִיק קוּמֶען אַהֵיים אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ שְׁלָאפְן, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר דַארְפְן אַהֵיימְפָארְן אוּן עֶר וֶועט וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאפְן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אִיז רֶבִּי נָתָן צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט, קַיין נֶעמִירוֹב.

### תפ

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטַארְקְן דִי מְנִיעוֹת פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף אַ שְׁוֶוערֶע פַארְנֶעם. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אֵיין זַאךְ, אַז עֶר זָאל טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה.

זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים, מְ'הָאט אַסַאךְ פְּרוּבִּירְט אִים אִיבֶּערְצוּרֶעדְן עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן מַאכְן גֶעלְט, זֵיי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, "שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן וָואס דוּ בִּיסְט אוֹיף קֶעסְט בַּיי דַיין טַאטֶע, אוּן יֶעצְט לֶעבְּסְטוּ אִין אַזַא שְׁטַארְקֶע אָרֶעמְקֵייט, וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין עֶפֶּעס טוּן פַאר דִיר אַלֵיין? פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער? מִיר וֵוייסְן טַאקֶע אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאר אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, פוּן דֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט שֵׁיידְן, מִיר ווִילְן אָבֶּער נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֶענְצְלִיךְ אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען מִיר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְדִינְגֶען פַאר דִיר אַ גֶעשֶׁעפְט, דַיין וַוייבּ וֶועט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין גֶעשֶׁעפְט, דוּ וֶועסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט דַארְפְן פַארְנֶעמֶען מִיט דֶעם, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ צוּזָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב אוֹיף אַיינְצוּקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה. אוּן כָאטְשׁ וָואס דוּ וֶועסְט טַאקֶע דַארְפְן אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דֶעם צוּמָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג, וֶועסְטוּ אָבֶּער לְכָבוֹד דֶעם הָאבְּן אִינְצְוִוישְׁן לַאנְגֶע גוּטֶע צַייטְן וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען פוּן קֵיינֶעם אוּן פוּן גָארְנִישְׁט, דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דַיין הַארְץ בַּאגֶערְט אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען".

אַזֶעלְכֶע סָארְט גֶעדַאנְקֶען אוּן טַעֲנוֹת הָאבְּן זֵיי כְּסֵדֶר גֶערֶעדְט מִיט אִים, רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֵשֶׁק דֶערְצוּ, אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע צַייט וֶוען זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, וַוייל אַ גַאנְצְן טָאג אִיז עֶר גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען עֶסְן הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּהַאלְטְן אֲפִילוּ נִישְׁט אֵיין מִינוּט מֶער פוּן ווִיפִיל סְ'הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְזָרֵז גֶעוֶוען גְלַייךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם לֶערְנֶען אוּן צוּ זַיין עֲבוֹדַת ה'.

דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דַאן בַּאשְׁלָאסְן אַז מְ'וֶועט שִׁיקְן צוּ אִים זַיין שְׁוָואגֶער, זַיין וַוייבְּ'ס בְּרוּדֶער, אַז עֶר זָאל רֶעדְן מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער דֶעם. עֶר אִיז טַאקֶע אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער פַּרְנָסָה, הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דוּ בִּיסְט טַאקֶע גֶערֶעכְט, נָאר זָאל אִיךְ פָארְט טוּן? מֶען וֶועט דָאךְ פָארְט דַארְפְן לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּ דִי טִיר!" [ווִי דֶער סֵדֶר אִיז אַז מֶען לֵייגְט אַ נִפְטָר, לֹא עָלֵינוּ, אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִיס צוּם טִיר], דֶער שְׁוָואגֶער הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט

<<<<<<



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן מַיין טַאטֶע סְ'זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין טֶעלֶעפָאן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסֶע יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּקִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיךְ הֶער יֶעדְן טָאג, עֶס מַאכְט קְלָאר דִי קָאפּ אוּן גֶעבְּט אַרַיין אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ סְמַארְטְפָאוּן פַאר לַאנְגֶע יָארְן, אוּן לֶעצְטְנְס אִיז עֶס אוֹיךְ גֶעפִילְטֶערְט, אָבֶּער מַיין טַאטֶע בֶּעט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיךְ זָאל עֶס אַוֶועקְוָוארְפְן.

פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר זַיין מַיין טַאטֶע, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים וָואס קֶען וֶוערְן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אֶפְשָׁר אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ עֶנְדִיגְן דִי זַאךְ אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁפִּירְן אַלְץ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אִים, אוּן בִּכְלַל אַז עֶר זָאל מִיר אָנְנֶעמֶען אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ דֶער טֶעלֶעפָאן אִיז גֶעפִילְטֶערְט, עֶס לָאזְט נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וְכוּ' - הָאט עֶס גָאר אַ שְׁטַארְקֶע פְּרָאבְּלֶעם, עֶס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת; אֲפִילוּ דֶער פָּשׁוּטֶ'ער טֶעלֶעפָאן רוֹיבְּט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זַיין צַייט, זַיין מֹחַ אוּן זַיין מַחְשָׁבָה, אוּן זִיכֶער דִי טֶעלֶעפָאוּנְס וָואס זֶענֶען נָאךְ מֶער פָארְגֶעשְׁרִיטְן, דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה, דָאס הַאלְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן אַלֶעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י'): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, "וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", מֶען טְרַאכְט נִישְׁט; מֶען אִיז פַארְנוּמֶען יֶעדֶע מִינוּט מִיט אַן אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייט, אָפְּגֶערֶעדְט דֶער וָואס קוּקְט סְטֶעטוּ"ס, דֶער נֶעמְט דִי טֶעלֶעפָאן יֶעדֶע רֶגַע אִין הַאנְט קוּקְן יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס נַארִישְׁקֵייטְן, יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס עֶדְוֶוערְטֵייזְמֶענְט אוּן יֶעדְנְ'ס דִמְיוֹנוֹת; דֶער הָאט זִיכֶער נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ קֶען אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעזֶעעֶנֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט; גֶעלֶערְנְט, גֶעדַאוְוענְט, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זַייט זֵיי קוּקְן דִי סְטֶעטוּ"ס - זֶענֶען זֵיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַמָאל.

אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ פָּשׁוּטֶ'ע טֶעלֶעפָאן אַזוֹי ווִי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן - וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דוּ אַלֵיינְס וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן מֶער צַייט פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, מֶער צַייט פַאר לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן

פוּעְל'ן בַּיי אִים, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעלָאזְט.

דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, דֶער שְׁוָואגֶער הָאט גֶעהַאט אַ בֶּן יָחִיד, אוּן דָאס קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַּאר דִי רְפוּאָה פוּן זַיין זוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גְרֵייט אִיבֶּערְצוּנֶעמֶען זַיין זוּן, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ גֵיין אַנְשְׁטָאט אִים.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, גְלַייךְ דֶעמָאלְט הָאט דָאס קִינְד אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעסֶער צוּ שְׁפִּירְן, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן.

פַּאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זַיין זוּן, אוּן עֶר הָאט דֶערְמַאנְט פַּאר רֶבִּי נָתָן דִי רֵייד וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִים אַז מֶען וֶועט דָאךְ פָּארְט מוּזְן שְׁטַארְבְּן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעשְׁרִיבְּן, "אֵיי עֶס טוּט מִיר בַּאנְק, אֵיי זֶענְט אִיר גֶערֶעכְט, אֵיי הָאט אִיר גוּט צוּגֶעטְרָאפְן, אַז מֶען וֶועט אַמָאל לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּ דִי טִיר", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט זַיין בְּרִיוו, "אוֹי בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵא !"

דֶערְנָאךְ הָאט דִי מִשְׁפָּחָה גֶעשִׁיקְט צוּ רֶבִּי נָתָן זַיין'ס אַ פֶּעטֶער, אַ בְּרוּדֶער פוּן זַיין טַאטֶע, וָואס יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּפִיל וָואס צוּ טוּן מִיטְ'ן טָאג, אוּן עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן מִיט אִים אִיבֶּער דֶעם. אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִים אִיבֶּערְצוּרֶעדְן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמוּזְט צוּזָאגְן פַּאר זַיין מִשְׁפָּחָה אַז עֶר גֵייט עֶס טַאקֶע טוּן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זֵיי אַז עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט דַארְפְן טוּן אוֹיסֶער דִי רֵייזֶע קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב, זֵיי זָאלְן אַלֵיין דִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן צוּגְרֵייטְן אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַּאר דִי נְסִיעָה, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט דַארְפְן טוּן אוֹיסֶער דָאס פָּארְן אוּן אַייְנְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די סעודת הילולא פון

## כ"ק מרן מוהרא"ש זצוק"ל

וואס וועט פארקומען

**דינסטאג נאכט פרשת יתרו, י"ז שבט**

**בבית מדרשינו 27 Skillman St. בשעה 8:00**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן אינאיינעם צו גיין ווייטער אין די הייליגע וועגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע שבת שבע ברכות ביים ראש ישיבה שליט"א

א הערליכע שבת שבע ברכות איז פארגעקומען די וואך אין קרית ברסלב ליבערטי צו די שמחה ביים ראש ישיבה שליט"א. די חשובע ארטיגע איינוואוינער, מיט פילע אנשי שלומינו און קרובי המשפחה, האבן מיטגעהאלטן דעם שיינעם שבת, זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה, און האבן גאר שטארק הנאה געהאט.

ספעציעל האט זיך אנגעזען די חשובע זיידעס, הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א, טאטע פונעם ראש ישיבה שליט"א, און הגה"צ מוה"ר מרדכי אהרן מייזליש שליט"א, שווער פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס זענען געקומען מיטהאלטן די שמחה, און האבן גלייכצייטיג מחזק געווען די ארטיגע קהלה.

דער שבת קודש איז אריבער אויף גאר א שיינעם פארנעם, די דעטאלן פונעם געהויבענעם שבת וועט געמאלדן ווערן אינעם קרית ברסלב צייטונג.

מוצאי שב"ק איז געווען א גרויסע שבע ברכות און מלוה מלכה צוגעשטעלט דורך די קהלה אינעם בנין המוסדות, אינאיינעם מיט א חנוכת הבית וואס מען האט יעצט געענדיגט רענאווירן דעם בנין, צולייגנדיג פילע פרישע קלאס צימערן צו קענען נאכקומען דעם גרויסן געברויך.

ביים מלוה מלכה האט מען געזינגען די זמירות און געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט שיין ארומגערעדט איבער די שמחה, און אסאך מעורר געווען אויף שלום בית, ס'איז נישט קיין קונץ צו האבן טענות ומענות איינער אויפ'ן צווייטן, דער קונץ אונז ווער ס'קען אראפבייגן דעם קאפ און האלטן זיין שטוב מיט אלע כוחות, מיט שמחה און געשמאק. נאך ברכת המזון האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ פאר א לענגערע צייט.

**השבת נועם הנשמות!**

***

## יומא דהילולא קדישא פון מוהרא"ש זי"ע

די קומענדיגע וואך מיטוואך, י"ז שבט, געפאלט די זיבעטע יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע. מיט יעדן טאג נענטער צום יארצייט דערקענט זיך די התעוררות און התרגשות ביי אנשי שלומינו בפרט, און ביי אידן איבער די וועלט בכלל, צו דעם געהויבענעם טאג. מוהרא"ש פלעגט זאגן "ביים יומא דהילולא פון א צדיק, קומט ארויס און מען זעט וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט פאר די וועלט", מען זעט ווי די לימודים און עצות וואס ער האט געלערנט מיט אידישע קינדער ביים לעבן, זענען ווייטער חי וקים, זיי זענען מחזק און מעורר אלץ מער און מער אידישע קינדער איבער די וועלט, און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן, נאך מער און שטערקער ווי ביי זיין הייליג לעבן.

מיר געדענקן זייער גוט וואס מוהרא"ש האט געטון פאר אונז אלע זיינע יארן, ווי אזוי ער האט אונז געשטארקט אין יעדן מצב און אונז מחזק געווען צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין. און דעריבער איז דער טאג אזוי גרויס, ווען מען נעמט זיך צוזאם און מען חזר'ט איבער זיינע ווערטער, און מען איז ווייטער ממשיך צו גיין אין זיינע וועגן.

פילע אנשי שלומינו אין ארץ ישראל וועלן זיך משתטח צו זיין אויפ'ן ציון הקדוש אין יבנאל אין די טעג ארום די יארצייט, אנדערע אידן בכל מקומות מושבותיהם וואס האבן נישט די מעגליכקייט אריבערצופארן צום ציון הקדוש, וועלן זיך צוזאמנעמען אין די לאקאלע בתי מדרשים און איבער'חזר'ן דאס וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן, און לערנען די הייליגע עצות פון זיינע פילע ספרים וואס ער האט אונז איבערגעלאזט בירושה.

די צענטראלע סעודת הילולא וועט פארקומען אי"ה דינסטאג יתרו ביינאכט, אום 8:00, אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, אויף 27 סקילמאן סטריט.

אנשי שלומינו וועלן אויך אויסנוצן דעם געהויבענעם טאג זיך אנצושטרענגען אויסצופירן דאס וואס מוהרא"ש האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט, און אזוי אריינברענגען די הייליגע לימודים פון רבי'ן אין יעדע אידישע שטוב. מ'וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" וואו מ'דרוקט טויזנטער ספרים און קונטרסים טאג טעגליך, און מען פארשפרייט עס צו אידן איבעראל, און וועקט זיי אויף אנצוהייבן לעבן מיטן אייבערשטן פון פריש.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין זיך צו האלטן בדיבוק חברים און פאלגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

***

## אנגעהויבן שרייבן ספר תורה לע"נ מוהרא"ש זי"ע

שטייענדיג אין די טעג פון די יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע, האט די קהלה אנגעהויבן שרייבן א ספר תורה לע"נ מוהרא"ש זי"ע, אזוי ווי עס פארמערן זיך כסדר בתי מדרשים "היכל הקודש" אין אלע היימישע געגנטער און מען דארף האבן נאך ספרי תורה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן אז מען זאל געבן די געלעגנהייט פאר אלע אנשי שלומינו צו קענען

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **קלמן וועבערמאן** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק** בן **פייגלא**

פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב

## אן אפענער סוד

יעדער ווייסט אז אין ברסלב איז דא חיזוק פאר יעדן איד אין יעדן מצב, דעם רבינ'ס גרויסן כח איז אבער נאכאלץ א סוד, פארוואס?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 76**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**